**גוט שבת אלע אידן.** די הייליגע תורה דערציילט די וואך די מעשים פון יעקב אבינו און עשו הרשע. אפילו עשו איז געווען אזא רשע, זאגט די מדרש אז ער האט זייער שטארק מכבד געווען זיין טאטן דעם הצדיק יצחק אבינו ע״ה. דער זוהר הקדוש זאגט אז אין די זכות וואס עשו האט מכבד געווען יצחק אבינו, האבן די אייניקלעך פון עשו זוכה געווען צו קאנטראלירן די גאנצע וועלט. (תולדות קמו:) דער הייליגער של״ה רעדט אויך וועגן עשו׳ס זכותים פון דער מצוה פון כבוד אב ואם. זאגט דער של״ה אז ווען עשו האט זיך באגעגנט מיט יעקב אבינו אין פרשת וישלח, האט יעקב אבינו געציטערט פון עשו. פארוואס זאל יעקב אבינו דער צדיק מורא האבן פון עשו דער רשע? זאגט דער של״ה הקדוש אז יעקב אבינו האט מורא געהאט פון עשו ״מחמת זכות כבוד אב ואם שקיים עשו״ צוליב דער זכות פון כבוד אב ואם וואס עשו האט מקיים געווען. (וישלח, תורה אור ג) איז לאמיר דערציילן א מורא׳דיגן מעשה וואס וועט אונז מעורר זיין אויף דעם וויכטיגקייט פון דער מצוה פון כבוד אב ואם.

משה שווארצשטיין (נישט זיין עכטע נאמען) איז א אינגערמאן וואס וואס האט חתונה געהאט עטליכע יאר צוריק. נאך דריי יאר אין כולל איז משה אריינגעגאנגען אין ביזנעס. משה טוט קויפן און פארקויפן בניינים און קרקע וכו׳ ד״ה ״ריעל עסטייעט.״ אמאל האט משה געהערט אז עס איז דא א געלעגנהייט צו קויפן א טייערן בנין אין דעם בעסטן געגענט אין לאס אנדזשעלעס. ער איז גלייך געווארן אינטערעסירט צו קויפן דעם בנין. עס איז טאקע געווען א מורא׳דיגן געלעגנהייט צו פארדינען אסאך געלט. עס איז געווען אבער איין פראבלעם, די פרייז איז געווען מורא׳דיג הויך. ביים אנהייב, האט משה נישט געוואוסט אויב ער וועט האבן דאס געלט פאר דעם בנין. אבער, ער האט געפילט אז דאס בנין וועט זיין א דורכבראך אין זיין ביזנעס.

ער האט געדארפט ארבעטן שנעל, ווייל ער האט געוואוסט אז מען וועט נישט האלטן דעם בנין פאר אים צו לאנג. ער האט טאקע אראפגעלייגט א גרויסע סכום געלט אלס פיקדון. און ער האט גלייך גענומען צוזאמענעמען געלט צו קענען קויפן דעם בנין. ער האט פארקויפט אנדערע בניינים און ער האט אפילו געבארגט פון אנדערע.

א שטיק צייט שפעטער, האט ער טאקע צוזאמענגעשטעלט גענוג געלט צו קויפן דעם בנין. מען האט אפגעמאכט א טאג ווען מען וועט שליסן דעם עסק.

דער טאג פון דעם ״קלאסינג״ – ווען ער וועט קויפן דעם בנין איז באשטימט געווארן. עס וועט זיין אפאר וואכן נאכדעם.

עס איז סוף כל סוף געקומען דעם טאג. אין לאס אנגעלעס זענען צוזאמענגעקומען דער פארקויפער מיט די מענטשן פון דעם באנק און די אלע אדוואקאטען וכו׳. עס איז געקומען די שעה פונעם ״קלויסינג״ און יעדער איינער איז געווען גרייט. אבער, איין מענטש האט געפעלט. זיי האבן געווארט און געווארט און געווארט אבער משה איז נישט אנגעקומען. זיי האבן פרובירט צו רופן משה, אבער זיי האבן נישט געקענט אנקומען צו אים. יעדער איינער איז געווען איבערראשט, ווייל עס איז געווען משה וואס האט געוואלט אזוי שטארק קויפן דעם בנין. נאך א פאר שעה ווארטען זענען זיי אלע אהיימגעגאנגען, נישט קענען ענדיגען דעם עסק אן דער קויפער!

אפאר וואכן שפעטער איז משה פלוצלינג אריינגעקומען צו דעם באנק. משה האט געפרעגט אויב ער מעג נאך קויפן דעם בנין. דער מענטש פונעם באנק איז געווארן שטארק אויפגערעגט אויף משה. ער האט געזאגט צו משה אז ניין, עס איז געווען צו שפעט, אן אנדערער האט שוין גענומען דעם קאנטראקט צו קויפן דעם בנין. דער מענטש פונעם באנק האט געפרעגט משה פארוואס ער האט אפגעלאזט דעם עסק. ער האט געפרעגט משה וואס איז געווען אזוי וויכטיג אז ער האט נישט געקענט אפילו רופן. דער מענטש, א גוי, איז נישט גרייט געווען צו הערן וואס משה וועט זאגן. ״זייט מוחל,״ האט משה אנגעהויבן צו זאגן, ״אבער, עס איז מיין טאטע...״

פאר מיר גיין ענדיגען דעם מעשה, לאמיר ווייטער רעדן וועגן די מצוה פון כבוד אב ואם. די מדרש דערציילט אן אינטערעסאנטן מעשה וועגן דעם ענין. אמאל זענען די חכמים געקומען צו א גוי וואס האט געהייסן דמה בן נתינה צו קויפן פון אים אן איידלשטיין וואס איז פארלוירן געווארן פון די קליידער פון דעם כהן גדול. די חכמים האבן קובע געווען מיט דעם גוי א פרייז פון איין טויזנט גאלדענע מטבעות. ווען דמה בן נתינה איז אריינגעגאנגען צו זיין הויז צו נעמען דעם שטיין, האט ער געזען אז זיין טאטע שלאפט און זיין פיס זענען געווען ארויפגעלייגט אויפן קעסטעל וואו דער שטיין איז געליגן. דמה בן נתינה האט נישט געוואלט מצער זיין זיין טאטען מיט אים אויפוועקן, וועגן דעם איז ער ארויסגעקומען פונעם שטוב מיט ליידיגע הענט. וויבאלד אז די חכמים האבן געזען אז דמה בן נתינה איז נישט ארויסגעקומען מיט דעם איידלשטיין, האבן זיי זיך פארגעשטעלט אז ער וויל מער געלט און זיי האבן פארגעשלאגען פאר אים א העכערן פרייז פון צען טויזנט גאלדענע מטבעות. ווען דמה בן נתינה׳ס טאטע איז אויפגעשטאנען, האט ער גלייך ארויסגענומען דעם איידלשטיין. דעמאלט האבן די חכמים געוואלט אים געבן די צען טויזנט. דמה בן נתינה האט אבער געזאגט אז ער וויל נישט נהנה זיין פון זיין שכר פון מכבד זיין זיין טאטען, וועגן דעם האט דמה בן נתינה געזאגט אז ער איז גרייט צו פארקויפן דעם שטיין פאר די ערשטע פרייז פון איין טויזנט. וואס דאן איז געווען די שכר פון דמה בן נתינה? א יאר נאכדעם האט זיין קו געבוירן א פרה אדומה, וואס די חכמים האבן געקויפט פאר מער ווי מי׳ אלפים זהובים! (מדרש רבה דברים א,טו)

לאמיר יעצט ענדיגען דעם מעשה... די נאכט פאר זיי האבן געדארפט מאכן דעם ״קלאסינג״, איז משה טאקע געווען אין לאס אנדזשעלעס גרייט צו קויפן דעם בנין. ביי נאכט, האט זיין ברודער אים גערופן פון ניו יארק צו זאגן אז זיין טאטע האט געהאט ל״ע א הארץ אטאקע און כאטש זיי האבן געראטעוועט זיין לעבן, איז ער נאך געווען אין א שווערן מצב. זיין ברודער האט אים געזאגט אז משה זאל גלייך אהיימפארן קיין ניו יארק. משה האט געזאגט אז ער וועט ענדיגען דעם געשעפט גלייך אינדערפרי און נאכדעם וועט ער גלייך פארן קיין ניו יארק.

אפאר שעה שפעטער האט משה׳ס טאטע אליינס גערופן משה און אים געבעטן אז ער זאל גלייך אהיימקומען. משה האט געטראכט אפאר סעקונדעס. טאמער דאס קויפן דעם בנין איז טאקע געווען לשם שמים, ווייל ער האט געוואלט מיט דעם געלט שטיצן מוסדות און געבן מער צדקה וכו׳, זאל דער נישט קויפן דעם בנין אויך זיין לשם שמים, ד״ה צו קענען מכבד זיין זיין טאטען. ער איז גלייך אהיימגעפארן צו מבקר חולה זיין זיין טאטען. ער האט פארלאזט דעם בנין אזוי ווי מען האט דערציילט פריער. אפאר יאר שפעט אין תשנ״ד איז אבער געשען א גרויסע ערד–ציטערניש אין לאס אנדזשעלעס (דער בעל מחבר אליינס איז דארט געווען דעמאלט). יענע בנין וואס משה האט געוואלט קויפן איז האלב אראפגעפאלן. די אנדער האלב פונעם בנין האט מען געצווינגען דעם בעל הבית האט אראפצונעמען, אן עסק וואס האט אים געקאסט א גרויסע סכום געלט. ב״ה אז דורך די מצוה פון כבוד אב ואם, האט משה געשפארט מיליאנען!

פון דא זעט מען דעם גרויסקייט פון כבוד אב ואם. מען זאל אלע אפלערנען פון דעם מעשה א וויכטיגע כלל: ד״ה, איינער וואס איז מקפיד אויף כבוד אב ואם וועט זוכה צו אלע גוטע ברכות, סיי בגשמיות סיי ברוחניות. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה״ר אברהם קורלאנד הי״ו לרגל שמחת נשואי בנו ישראל נחום נ״י בשעטומ״צ

מזל טוב למוה״ר יעקב יוסף טויב הי״ו לרגל שמחת נשואי בנו אברהם יהושע העשל נ״י בשעטומ״צ

נתרם לרפו״ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח״י

לע״נ אברהם בן ליפא ע״ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**